

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## פרשת ראה

# ווערדלאזע אנטיקן

פרנס השבוע

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים
כמר **אהרן יודא שלעזינגער** נ"י
מיט ליבשאפט,
פון דיין טאטע

## פרשת ראה

# ווערדלאזע אנטיקן

### ארץ ישראל נעבן דער ים המלך

"טאטי, קוק וואס איך האב דא געטראפן!!!" האט אייזיק אויסגעשריגן איבערראשט. "וואס זעסטו דארט?!" איז דער טאטע געקומען צו לויפן צו די קינדער.

אייזיק האט אראפגעקוקט צו א שפאלט הינטער א גרויסער שטיין ביים זייט פון בארג. "איך מיין אז עס געפינט זיך דא א מערה," האט ער באהויפטעד.

אהו הא! איז שוין חיים זאנוויל געווארן אנגעצינדן, "אפשר איז דאס די מערה וואו דוד המלך האט זיך באהאלטן ווען ער איז אנטלאפן פון שאול המלך? אדער אפשר גאר איז דאס די מערה וואו רבי שמעון בר יוחאי האט זיך באהאלטן פון די רוימער?

יוטי האט אריינגעקוקט אין דעם לאך, "ס'איז צו טונקל עפעס צו זען."

חיים זאנוויל האט ארויסגענומען זיין פלעש לייט וואס ער האט געווינען ביי די פריערדיגע אבות ובנים און האט אריינגעשיינט אינעם לאך. "כ'מיין אז איך זע עפעס דארט!" האט ער אויסגעשריגן פרייליכערהייט, "אבער איך קען ענק נישט זאגן אויף זיכער ווייל די לאך איז צו קליין."

אייזיק איז אוועקגעגאנגען און איז צוריקגעקומען מיט א גרויסער שטעקן. "קום, לאמיר זען אויב מען קען גרעסער מאכן דעם לאך."

אויך דער טאטע צוזאמען מיט חיים זאנוויל האבן געטראפן שטעקעלעך און האבן אנגעהויבן צו גראבן די ערד ארום דעם לאך. נאך עטליכע מינוט איז שוין רוב ערד געווען אוועקגעשארט און דער לאך אביסל גרעסער. עס האט זיך אנטפלעקט פאר זיי אן עפענונג צו א מערה.

"טאטי, ס'איז נישט קיין סכנה אריינצוגיין אין דעם מערה?" האט יוטי געפרעגט דערשראקן.

"מיר דארפן טאקע זיין פארזיכטיג," האט דער טאטע גענטפערט בשעת ער קוקט זיך ארום איבער דעם מערה, "לכאורה איז נישט קיין פראבלעם צו שטיין דא ביים אריינגאנג, מיר וועלן נישט אריינגיין מער ווי עטליכע פיס אינעווייניג, אויב עפעס געשעט ח"ו, קען מען גלייך ארויסגיין."

די רובין פאמיליע האבן פארזיכטיג אריינגעשפאנט אינעווייניג דורך דער שיין פון חיים זאנוויל'ס פלעש לייט. זיי האבן באמערקט צייכענונגען איבער די ווענט, ס'האט אויסגעזען ווי עס איז דא אמאל געווען א מזבח . איינער איז זיכער געווען דא אין דעם מערה, לויט די סימנים האט דאס געדארפט זיין שוין פאר זייער א לאנגע, לאנגע צייט צוריק.



ווי זיי גייען האבן זיי פלוצלונג באמערקט עפעס א בליטשקעדיגע זאך, עפעס א גאלדענע שטיק. אייזיק איז געלאפן פאראויס און דאס אפגעפיצט פון די ערד און שמוץ. דערנאך האט אים חיים זאנוויל געהאלפן אויפהייבן זייער א שווערע געגנשטאנד.

"וואס איז דאס?!" איז שוין יוטי געווען נייגעריג צו וויסן, "ס'איז צו טונקל צו קענען עפעס זעען דא."

די קינדער האבן דאס ארויסגעפירט אינדרויסן צום שיין פון דער זון און זענען איבערראשט געווארן צו אנדעקן א סארט סטאטוע איבערגעצויגן מיט הערליכע איידל שטיינער.

"אוהא! האט איציק אויסגעשריגן, "עס זענען מן הסתם געווען פלישתים דא אין דעם מערה און דאס דארף זיין איינע פון זייער עבודה זרה'ס!"

מיר מוזן דאס שוין איבערגעבן פאר די אדמיניסטראטער פון די אנטיקן," האט חיים זאנוויל קלאר געמאכט.

"יא גערעכט, האט איציק מסכים געווען. און אפשר וועט פראפעסער פוטערסטאק אונז באלוינען מיט עפעס און מיר וועלן זיין באשריבן אין די צייטונג אזוי ווי יענע קינדער וואס האבן געטראפן די זילבערנע בעכער נעבן דער כנרת!"

די קינדער זענען נאך געווען פארנומען צו טראכטן וואס זיי קענען ווען באקומען פאר דעם אנטיק ווען זיי האבן פלוצלונג אויפגעשפרינגען פון פלאץ הערנדיג א מעכטיגן רעש!

"קראך! קראך!" האט זיך געהערט אינעם גאנצן ארום. זיי האבן אויפגעהויבן זייער אויגן און זענען שאקירט געווארן צו זען ווי דער טאטע צעקראכט דעם סטאטוע מיט א גרויסער שטיין. די טייערע איידל שטיינער זענען זיך צעגעפלויגן אין אלע זייטן. אויך דאס האט דער טאטע צעקראכט מיט זיין שטיין. דער טאטע האט גארנישט פארשוינט, די גאלד, זילבער און דימאנטן זענען צעפיצלט געווארן איינע נאך איינע.

די קינדער זענען געווען שאקירט. "וואס טוט דא דער טאטע?" האבן זיי זיך געוואונדערט, "זיי האבן געמיינט אז זיי האבן דא געפינען אן אוצר און דא זעען זיי ווי דער טאטע צעקנאקט עס אן רחמנות.

אבער דער טאטע איז געווען צו פארטון אין זיין ארבעט און האט נישט געהערט וואס מען רעדט צו אים. ער האט צאמגענומען אלע צעפיצלטע שטיקלעך און זיי ארויסגעפירט צום וואסער. די קינדער זענען אים נאכגעלאפן און געקוקט ווי ערווארפט אלעס אריין אין ים המלך.

ענדליך ווען יעדעס ברעקל עבודה זרה זענען שוין געווען אין די טיפעניש פון ים צווישן די כוואליעס האט זיך דער טאטע ערלויבט צו אפאטעמען.

"קינדערלעך טייערע," האט ער זיך אויסגעדרייט, "אין די וואכעדיגע פרשה שטייט 'ופסילי אלהיהם תגדעון', מיר דארפן צעהאקן און פארניכטן די עבודה זרה'ס פון ארץ ישראל. די מצוה איז נישט געווען נאר אמאליגע צייטן נאר עס איז שייך אויף שטענדיג!

די גוים ארום דער וועלט און אויך די אידן וואס זענען ליידער ווייט פון דער תורה מיינען אז עבודה זרה איז א שיין שטיקל מייסטערווערק וואס מען דארף שטודירן און פרעזערווירן. אבער דאס איז בכלל נישט וואס דער תורה לערנט אונז. די עבודה זרה איז אלעמאל געווען א זאך פון געפערליכע טומאה און רשעות. דאס איז געווען א סימבאל פון אפיקורסות. און די תורה ווארענט אונז אז עפעס ווי דאס איז אזוי געפערליך און סכנה'דיג, אז אפילו היינטיגע צייטן ווען קיינער גלייבט שוין נישט אין דעם, איז מען נאך מחויב דאס אינגאנצן צו פארלענדן.

"אבער טאטי," אויב די מדינה וועט אונז כאפן קענען זיי אונז באשטראפן, האט חיים זאנוויל געזאגט באזארגט.

"איז וואס? אויב זיי וועלן אונז חלילה הייסן עסן חזיר וועלן מיר זיי פאלגן? נאר ווייל רשעים אין דער ציוניסטישע מדינה האבן ארויסגעגעבן א געזעץ מיינט נאכנישט אז מען מעג עובר זיין אויף די תורה? אן ערליכער איד טוט וואס די תורה פארלאנגט און נישט וואס די גוים אדער די וואס פירן זיך אויף ווי זיי הייסן טון.

"אוי, עס זענען נאך פארבליבן עטליכע קליינע ברעקלעך פון דער עבודה זרה," האט זיך יוטי געכאפט, "קען איך דאס אריינווארפן אין ים המלך און מקיים זיין א מצוה אין דער תורה?"

"יא זיכער!" האט דער טאטע געקוקט מיט הנאה ווי די דריי רובין קינדער האבן אריינגעווארפן אין ים די לעצטע שטיקלעך פון דער עבודה זרה. זיי זענען געווען איבערגליקליך צו פארניכטן שלעכטס פון השי"ת'ס וועלט.

א פרייליכן שבת!

**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך 3#**